ישראל שטערן

# ...ברײנגט מיר די וועלט.

ברײנגט צוטראָגן דער פֿאַרתאַכט
מיר נאָהנט צום האַרץ
די וועלט.

אַז מיר טהוט וועה — זעה איך,
ווי ס'ברײטע פּנים פֿון די פֿעלדער
ווערט פֿײַכט און טונקעל.

מײַן אומעט
העגנט־אַראָב פֿון אַלע בוימער,
און פֿאַלט נישט צו דער ערד...

כ'גיב זיך נאָך נישט אונטער.

ווײַל איך ווייס דאָך:
כ'האָב אַ ווײַסען טאָג פֿערלוירען;
נאָר וואָס מיר האָט זיך הײַנט געחלומ'ט
ברענט זיך איצטער אין די הימלען,
אַלע בוימער זענען רויט
און מײַן אומעט העגנט אַראָב
פֿון יעדען צווײַגעל,
פֿאַלט נישט צו דער ערד.

אויפגעהויבען אין דער הויך
טראָגט אויף זײַנע דינע הענד
דער פֿאַרנאַכט צו מיר אין האַרץ
די וועלט.

געה איך איהר אנטקעגען.

מײַנע שלײפֿען
זענען אײַצטער
רויט ווי גאָלד.
דאָס פּנים מײַנס
איז בלאַס ווי זילבער.

אַזוי גײ איך איהר אַנטקעגען.

שטיקער פֿײַער
לעקען האַסטיג
אַלע ברעגעס
פֿון די הימלען.
נאָר די ערד
ליגט. שווײַגט. גלויבט נישט.
קאַלט איז זי, קאַלט.

און איך מיט מײַן גרויסען אומעט
גײ דער גרויסער וועלט אַנטקעגען.

טויזענד וועגען ציהען זיך
פֿאַר מײַנע פֿיס, טויזענד וועגען
צעבראָכענע —
האַלב העל האַלב טונקעל.

און ערגעץ ווײַט און יענעם ווינקעל
געהט אונטער שוין די זון,
געהט אונטער, אונטער,
פּאַמעליך, טריט בײַ טריט, קוים וואָס זי געהט.

דער וועהטאָג דויערט אַזוי לאַנג.

פֿעלדער ווערען בלאַס און מאָגער
בוימער שטעהען שוין בלוט־אָרים
וועה איז מיר,
פֿון מײַן שטערן פֿאַלען אַראָב
די אײנציגע קלײנע טראָפּענס גאָלד.

און איך דארף דאך איצטער גיהן
מקבל פנים זיין די וועלט.

הינטער די ערשטע בוימער דארטען
ליגט זי שוואך
און די ערעמס פון פארנאכט
און לאזט זיך פיהרען
צו מיר
און הארץ.

וועה איז מיר,

דער לאנגער קנייטש און מיינע באקען
האט אזוי ערנסט זיך פערטיפט,
טיף און לעדיג
ווי א פרישער גרוב, וואסווארט
אויף א בר-מינן.
ווי זאל איך אנטקעגען גיהן?
וואס וועל איך איהר זאגען?

איך דערמאן זיך:
מיר האט עפעס היינט געחלומ'ט.
אזא שענער חלום,
שען ווי די וועלט,
ווייט ווי די וועלט.

טויזענד וועגען
ליגען שטיל,
טונקעל, טונקעל,
דאך נאך העל
(שטארק מיעד זענען זיי און שלעפריג,
נאר ס'איז א שאד איצט איינצושלאפען...)
טויזענד וועגען
ווארטען שטום
ביי מיינע פיס
און איך,

וועה איז מיר,

שווער זענען מיינע טריט:
די ערד איז אנגעלעגט מיט שאטענס,
שטארע גרויסע שאטענס ליגען
ווי ברודיג־גראהע געפגר'טע פערד.
שווער זענען מיינע פיס.
ווער וועט מיך פיהרען?
ווער?
ווינטען וועהען,
יא, ווינטען געהען,
נאר נישט אין מיין וועג,
ווינטען בלאזען דעם לעצטען פינק
פון הימעל אראב.

קאלט ווערט אויבען,
קאלט ווערט אויבען;
א טאג איז פערברענט
טרויערט מען אויבען,
עס ליגען די וואלקען
שמוציגע ברוינע
ווי פערשרפה'טע פערד.

כ'דערמאן זיך: מיין חלום
האט דארטען געפלאמט.

ניין, איך געדענק נישט,
מיר איז שווער צו געדענקען.
און די שלייפען איז שווער.
עס דריקט מיך דער הימעל,
די ערד איז מיר שווער.

איך פאל.

•

ביי מיין זייט
ליגען שאטענס אויסגעצויגען,

לעהנען אָן
די ווילדע גרויסע קעפּ
אויף מײַן קלײנעם בוזעם.

נו ווײס איך:
די וועלט
איז שוין אַרײַן צו מיר אין האַרץ
אַ פֿינסטערע.

וואַרשע.

... ברענגט מיר די וועלט

דער חודש (וואַרשע, 1921)

יאַנואַר 1921, זז' 24–28